בס"ד


# גליון לטהרינו
גליון א'

ועד לפני ה' תטהרו
לטהרינו
שע"י קהל יטב לב
ומוסדות סאטמאר


# דעם רבי'נס ווייטאגליכע סיפור, קלינגט נאך אין אונזערע אויערן;

## וואס מאנט עס פון אונז?

דעם פארגאנגענעם כ"ו אב אין ביהמ"ד הגדול במקהלות אלפי ישראל ביים גרויסארטיגן סעודת הילולא קדישא - האט דער רבי שליט"א געווידמעט געציילטע אבער וויכטיגע מינוטן - וואו דער רבי שליט"א האט ארומגערעדט איבערן ענין פון טעכנאלאגיע וואס שפאנט פאראויס, און ווי איינגעשטעלט אונזערע קינדערלעך זענען אין די שרעקליכע סכנה.

"אסאך איז שוין גערעדט געווארן, אסאך איז שוין געטון געווארן" האט דער רבי שליט"א ווידערהאלט, און דערביי האט דער רבי מדגיש געווען איבער די ביז היינטיגע פעולות אביסל אפצושטעלן דער ווילדער גאלאפ פון די טעכנאלאגישע כלים. "מ'האט אויפגעטון" - האט דער רבי באטאנט - "אבער מ'קען נישט זאגן אז מ'האט "געווּנג" אויפגעטון... איך פיל א פליכט צו פארציילן א מעשה וואס איז גאנץ לעצטענס געשעהן:

און דער רבי שליט"א האט דערציילט מיט ווייטאג א געשיכטע וואס ער האט אליינס מיטגעהאלטן:

**"איינער פון די מנהלים האט באמערקט אויף א יונג בחור'ל, וואס איז געווען א וואויל בחור - וואויל אין אלע ענינים - ער האט אבער געזעהן אז עפעס איז מיט דעם בחור, עפעס טויג נישט, ער האט דערקענט אויפן בחור.**

דער רבי שליט"א דערציילט אז דער מנהל האט פרובירט, און גענומען דעם בחור'ל צו רעדן צו אים צווישן פיר אויגן, ער האט פרובירט צו מאכן חקירות ודרישות, אבער אן ערפאלג! דער מנהל האט גארנישט געקענט ארויסבאקומען. ביז יענעם טאג ווען ער האט זיכער געמאכט אז דער בחור'ל זאל אנקומען צו א ספעציאליסט, דער רבי האט דערציילט:

**"ער האט אים געטראגט צו א פראפעשיאנאל וואס האט גערעדט צו אים צווישן פיר אויגן, און דארט האט ער זיך געעפנט!...**

מיט ווייטאג האט דער רבי ממשיך געווען:

**"דער בחור'ל האט דערציילט: די מאמע האט געקויפט א סמארט-פאון, און ווען זי איז נישט געווען אינדערהיים, האט ער זיך צוגעשארט צום מאשינדל, ער האט איבערגעקליגט די מאמע וואס האט געהאלטן אז ס'איז 'פארשלאסן', ער האט געעפנט דעם מאשינדל, און ער איז אנגעקומען רחמנא ליצלן אויף די ארגסטע פלעצער, און דאס האט אים ארלעדיגט, ה"י".**

### "די מומחים זאגן - ר"ל - דער בחור איז א פארטיגער! "ווער האט אים נעבעך ארלעדיגט?! נעבעך, די אייגענע מאמע! נשים רחמניות בשלו ילדיהם.

בזעקת לב האט דער רבי שליט"א אויסגעשריגן מיט הארץ-ווייטאג: "ליידער ליידער דאס איז א אמת'דיגער פאסירונג, מורי ורבותי! דאס איז א סמארט פאון, און דאס איז די פירות פון די כלים! - "מ'זאל וויסן יעדער טאטע און יעדע מאמע - ביי די טאטעס איז שוין דא וואס פארשטייען אז זיי דארפן עס נישט האבן, אבער אין עזרת נשים פארשטייען נאכנישט - מ'זאל וויסן ווער ס'האט אזא מאשינדל: מ'מאכט חרוב די אייגענע קינדער אויפן ארגסטן אופן - סיי די אינגלעך און סיי די מיידלעך, ה"י.

• • •

ויהי ממחרת, ווידעראמאל שטייען מיר נאך אזא פייערדיגע דרשה פון רבי'ן שליט"א, ס'איז שוין נישט ס'ערשטע מאל וואס דער רבי שליט"א רופט צום ציבור און בעט זיך: האט רחמנות אויף

המשך בעמוד ב'

# דער אומגליק וואָס האט פאסירט

תש"ע \ תשע"ב \ תשע"ג \ תשע"ד,

# אבער וועט נישט פאַסירן תשע"ה בעז"ה!

## 8:30 מאנטאג צופרי:

יאנקל - א וואוילער אינגערמאן - וואס האט נארוואס חתונה געהאט בשעטו"מ פאר צוויי וואכן צוריק שטייט פארנט פון ביהמ"ד.

ער האט שוין געענדיגט דאווענען שחרית, ער זוכט דער חברותא עסקן פון התאחדות אברכים מיט וועמען ער וויל זיך דורכשמועסן זיין דילעמא: וואס זאל ער ענדערש לערנען פארטאגס? זאל ער לערנען "תורתך שעשועי", "יסודי התורה", אדער זאל ער ליבערשט איבערחזר'ן "הלכות שבת" וואס ער האט הערשט יעצט געלערנט אין די ישיבה ס'זאל אים בלייבן כמונח בקופסא?

אזויווארטנדיג גייט איהם דורך זיין חבר משה - וואס האט חתונה געהאט א האלב יאר פריער - און זיי צושמועסן זיך:

**יענקל:** משה; וואס טוט זיך עפעס גוטס?

**משה:** געוואלדיג! זאג יענקל; דו האסט שוין געזעהן דעם קליפ פון די שווארץ-בר-מצוה? וויאזוי חזן הערשקאוויטש לייגט אראפ א "רחם"? הא? ס'אייזן! משוגע צו ווערן...

**יאנקל:** ניין, פון וואו רעדסטו?

**משה:** ביזט נישט אויף אונזער עידזש-גרופ? דער עולם לייגט ארויף זאפטיגע סחורה ממש יעדן טאג. יאנקל קווענקלט, ער האט א מורא'דיגער געפיל צו נגינה, ער פלעגט אלעמאל אין פרייע צייטן ליב האבן צו הערן דעם מנגן און יענעם חזן.

משה 'סקענט' אפ יאנקלס 'באר-קאוד', און יאנקל איז אויפן גרופ!

ס'עפנט זיך פאר אים א 'פרייליכע וועלט'...

המשך בעמוד ד'

אייך און אייערע קינדער!

ס'איז שוין פופצן יאר נאכאנאנד וואס דער רבי שליט"א בעט, מאנט, און פאדערט פון אונז צו טון הלכה למעשה! און באפעסטיגן אונזערע מויערן אינעם ענין פון פגעי הטעכנאלאגיע, ס'ווערט שוין ווי א שטיקל "מנהג" אז ביי גרעסערע מאורעות איז מען מקונן אויפן חורבן הטעכנאלאגיע.

...

ס'איז באקאנט דער טייטש אויף "והוצאתי אתכם מתחת סבלות מצרים!", דער פראבלעם פון אידישע קינדער אין מצרים איז געווען "סבלנות", זיי האבן געהאט די מדה פון "סבלנות", און פון די מדה האבן זיי געדארפט ארויסקריכן ביי גאולת מצרים

סבלנות?! יא! די שיינע מדה פון סבלנות קען זיין אזוי שעדליך! די וועלט זאגט א ווערטל, עס איז אמאל געקומען א איד זיך אויפטוהן אז ער האט שוין דורכגעלערנט דעם מסילת ישרים פון דעקל צו דעקל מערערע מאל, איין גוטע מידה האט ער זיך אויסגעלערנט פונעם מסילת ישרים "סבלנות". דער מסילת ישרים שרייט אויף אים, סטראשעט אים, ווארנט אים, פרובירט אים אוועקצונעמען זיין געשמאק אין תענוגי עולם הזה, אבער ער האט סבלנות, ער רעאגירט נישט, ער ווערט נישט אנגעצויגן, ער ענטפערט נישט צוריק, ער איגנארירט...

דאס איז א ביטערער סבלנות...

...

דער אמת איז אבער: ס'איז שוין עטליכע יאר נאכאנאנד וואס יעדער ליידער הערט מען נעבעך פון אזעלכע אומגליקן, און יעדער ערנסטער בעל הבית איז צובראכן דערפון, מ'וויל עפעס טון ממשיות'דיג, אבער מ'ווייסט נישט פונקטליך: וואס?

ווען מען הייבט זיך אן מתבונן צו זיין אז כמעט אין בית אשר אין שם פגע, בלויז צו זעהן דעם מצב ביי היינטיגע "עווריטש אינגעלייט" איז זייער נישט געשמאק, ס'טוט וויי, ס'רייסט ביים הארץ, אבער מ'ווייסט נישט פונקטליך: וואס טוט מען ווייטער?

וויפיל אידן ליידן זיך נעבעך אפ מיט צער גידול בנים צוליב דעם חורבן? א צער וואס מען קען נישט ערקלערן, און עס לאזט זיך נישט ארויסברענגען, זיי זענען אלעס גרייט צו טון: אבער וואס?

וויפיל בעלי בתים ווייסן זייער גוט אז זייער "צורך פרנסה" איז איבערגעטריבן, אבער זיי ווייסן נישט פונקטליך "וואו" צו שטעלן דעם גדר?

אויב ביי אינגעלייט בני תורה און כלי קודש, ווי אויך ביי אידן וועלכע זענען בכלל נישט אנגעוויזן לצורך פרנסה צו זיין אנגעבינדן צו די 'אינטערנעט' איז פאראן א קלארע הוראה אז 'אינטערנעט' איז ביים זיי אסור, זענען אבער די גדרים ביי די וועלכע דארפן יא צוקומען צו געוויסע פארבינדונגען אינעם אינטערנעט נאך נישט אינגאנצן קלאר און באשטימט. די גבולים זענען נאכנישט געווען אוועקגעשטעלט קלאר און פונקטליך, און אט דער צעמישעניש האט געשאפן דעם גרעסטן פראבלעם.

**רבותי! הגיע הזמן! מהיום והלאה וועלן מיר נישט דארפן מער קרעכצן אויפן מצב, מיר וועלן קענען טון הלכה למעשה!**

עס איז ב"ה א פריידיגע פאקט אז עסקנים דקהלתינו האבן מצליח געווען אהערצושטעלן די גדר פילטער, וואס זאל ערמעגליכן אויסצופירן אונזערע מינימאלע פליכטן, וואס מיר האבן זייענדיג אידישע קינדער, אראפצושטעלן א פעסטן גדר, אז מיר זאלן חלילה נישט אדורכפאלן אומוועלענדיג בשעת'ן זיך באניצן מיט די טעכנאלאגישע כלים לצורך פרנסה.

# אונזער מאָמענט פאַר מחשבה

## לאור זעקת מרן רבינו שליט"א:

- וואו פונקטליך האט די מאמע געמאכט איר ביטערער גרייז?
- ווער קען מיר פסק'נען אז מיין סעל פארמאגט נישט די זעלבע סכנה?
- וואס קען 'איך' טון אז עס זאל מער נישט פאסירן אזעלכע אומגליקן?
- רבי שליט"א: "ביי די טאטעס איז שוין דא וואס פארשטייען" – בין איך אויך פון די טאטעס?
- מיין בני בית תחי' וויל נישט זיין אויסגעשלאסן פון די "חברט'ע/משפחה-גרופ"?
- כ'ווייס אז מ'דארף עפעס טון, אבער....
- אדרבה – איר האט א לעזונג?!
- **יא! "גדר" איז דער לעזונג פאַר אנשי שלומינו:**

# געענדיגט מיטן קרעכצן; דער לעזונג איז דאָ ב"ה!

מיט יארן צוריק האט זיך געפונען עמיצער וואס האט גאר אסאך געהערט דערציילן איבער די קאמיש-בארימטע און לעגענדארע שטעטעלע 'כעלעם' און בפרט איבער אירע קורצקעפיגע תושבים, האט זיך אין אים נאטורליך ארייגעכאפט א תשוקה צו גיין כאפן א בליק פון דער נאנט אויף די "תהלוכות כעלעם", און אביסל 'נאשן' פון זייער חכמה...

איינע פון די גאר קאמישע און וואונדערליכע איבערלעבענישן וואס ער האט דארט בייגעוואוינט, און ער האט זיך עס פארצייכנט לזכרון, איז געווען זיין באזוך אין די תפיסה.

וועלנדיג זען וויאזוי עס קוקט אויף די תפיסה אויפן כעלעמער שטייגער, האט ער נאכגעפאלגט די אנגעגעבענע דירעקציעס ביז ער איז טאקע אנגעקומען אויפן ריכטיגן ארט.

ארייגייענדיג אינעם בנין האט ער באמערקט זייער א אויפפאלנדע סצענע. עס שטייט דארט א ארעסטאנט, בלייך ווי די וואנט, און מאגער ווי א שטעקן. זיינע צוויי הענט זענען ארייגעשטעקט אין צוויי גרויסע לעכער וועלכע זענען אריינגעבויערט אדורך און אדורך די וואנט פונעם בנין, און אזוי שטייט ער נעבעך דארט און וויינט אויף זיין ביטער גורל

שטייענדיג אזוי און באטראכטנדיג מיט רחמנות געפיל דעם נעבעכדיגן ארעסטאנט - וועלכע קען זיך ניטאמאל אראפזעצן אויף א בענקל, נאר ער איז געצווינגען צו שטיין אזוי די גאנצע צייט ווען זיינע הענט זענען צוגעבינדן אויף די אנדערע זייט וואנט - קומען פלוצלינג אן צוויי פאליציאנטן מיט א פרישן ארעסטאנט, און אויך אים האבן זיי צוגעטיילט דעם זעלבן גורל ווי דעם ערשטן.

מען פירט אים צו צו די וואנט און מען באפעלט אים ארייצולייגן ביידע הענט אין די פון-פריער-צוגעגרייטע לעכער, דאן האט איין פאליציאנט אים געהיטן אז ער זאל נישט אנטליפן, און דער אנדערער איז געגאנגען צו די אנדערע זייט וואנט ווארשיינדליך אים צוזאמצובינדן די הענט מיט קייטן.

דער גאסט איז זייער נייגעריג געווארן צו זען וויאזוי דער פאליציאנט פארבינדט די הענט פונעם ארעסטאנט - וועלכע ווערט שוין אזוי פארבלייבן א 'שטייענדיגער ארעסטאנט' פאר ווער ווייסט ווי לאנג - איז דער גאסט מיטגעגאנגען מיט פאליציאנט צו די אנדערע זייט וואנט, און ווי ערשטוינט איז ער געווען ווען אנשטאט וואס דער פאליציאנט זאל אים צובינדן די הענט מיט אייזערנע קייטן האט ער גאר אויפגעהויבן א לאנגע "בעזעם שטעקן" און ער האט אריינגעשריגן אינעם לאך צו ארעסטאנט "זאפארט, כאפ אן דעם שטעקן מיט ביידע הענט!".

נו, מען איז דאך אין תפיסה... האט דער ארעסטאנט קיין אנדערע ברירה נישט געהאט נאר ער האט ווי א פאלגזאם קינד אנגעכאפט דעם שטעקן מיט ביידע הענט, און דאן האבן די פאליציי פארלאזט דעם ארט, וואוסענדיג אז ער איז שוין פעסט פארבינדן... ער וועט שוין פון דא נישט קענען אנטליפן...

דער גאסט איז געשטאנען און געשטוינט...!

ער איז צוריק ארייגעלאפן אינעווייניג אינעם בנין, און ער איז צוגעגאנגען צו ערשטן ארעסטאנט פרעגנענדיג "ווי לאנג ביזטו שוין דא ארעסטירט?".

"זעקס יאר!!!..." איז געווען זיין פארוויטאגטער ענטפער, ווען הכרת פניו ענתה בו אז ער זאגט נישט קיין שום גוזמאות, ער איז שוין געווען אזוי אויסגעמאגערט און אויסגעדארט אז ער איז באגלייבט געווען אויף דאס וואס ער זאגט.

"איך שטיי שוין אזוי לאנגע יארן" - פארציילט דער ארעסטאנט ווען צוויי שנירלעך טרערן גליטשן זיך אראפ אויף זיינע באקן - "איך קען זיך נישט אראפזעצן, ניטאמאל אין מויל נעמען קען איך עפעס. בלויז צוויי מאל א טאג קומען די תפיסה-איינגעשטעלטע און זיי דערלאנגען מיר אריין אין מויל א הארט שטיקל ברויט מיט א ביסל שמוציג וואסער, און מיט דעם דארף איז איך זיך באגענוגן אויף א גאנצן טאג, גלייב מיר עס איז שוין אומדערטרעגליך! איך האלט עס שוין נישט אויס!" האט דער ארעסטאנט צוגעענדיגט, און דאן האט ער אויסגעפלאצט אין א יאמערליכן געוויין...

"הער זיך איין" האט דער גאסט אים אריינגערוימט אין אויער שטילערהייט "דו ביזט באפרייט... יא! דו ביזט באפרייט!"...

דער ארעסטאנט האט געקוקט אויף דעם גאסט מיט פארדרוס און פאראיבל - "וואס מאכסטו חוזק פון מיר? וואס באפרייט? ווען באפרייט? איך שטיי שוין אזוי דא פארשפארט פאר יארן, און פלוצלינג פארקויפסטו מיר מעשיות אז איך בין באפרייט?"...

אבער דער גאסט וואס האט אזוי רחמנות באקומען אויף דעם נארישן כעלמער האט פרובירט אים איבערצוציינגן אז ער איז ווירקליך באפרייט "נעם נאר ארויס דיינע הענט פון די לעכער אין די וואנט, און דו ביזט א באפרייטער מענטש אויפן ארט!..."

דער כעלעמער האט זיך אים צוריקגעשליידערט אין פנים אריין "דו נארישער מענטש, וויאזוי קען איך ארויסנעמען די הענט פון די וואנט, ווען אויף די אנדערע זייט וואנט האלט איך אן פעסט א 'בעזעם שטעקן' וואס לאזט מיר בשום אופן נישט ארויסשלעפן די הענט פון וואנט?..." האט דער כעלעמער ארעסטאנט גע'טענה'ט א הייזעריגער.

"קוק נאר" - האט דער ארעסטאנט געצייגט פארן גאסט פרובירנדיג צו שלעפן זיין האנט אויף ארויס - "איך פרוביר, און ס'גייט נישט, דער 'בעזעם שטעקן' לאזט נישט בשום אופן..."

"דו בטלן איינער!" - האט דער גאסט זיך צעשריגן און צעלאכט הויך אויפן קול - "לאז אפ דעם בעזעם שטעקן פון דיין האנט, און דאן ביזטו א באפרייטער! לאז אפ דעם שטעקן, אבער שוין!..."

*

עס איז שוין עטליכע יאר וואס דער היימישער אידנטום קוקן זיך צו מיט אנגסט וויאזוי דער ווילדער גאלאפ פון טעכנאלאגיע דרינגט אריין אויך במחנינו און עס מאכט אן גרויסע שאדנס. יעדער ערנסטער איד פארשטייט אז עס איז א שרעקליכער חורבן און עס איז דא פון וואס מורא צו האבן.

איבעראל הערט מען קרעכצן, מען דאגה'ט, מען זוכט לעזונגען און מען קוקט ארויס אז עס זאל צושטאנד-קומען אן ענדגילטיגער לעזונג וואס זאל אפשטעלן דעם שעדליכן באן פון איר גאלאפ און אוועקשטעלן קלארע מהלכים ווען און וויאזוי צו נוצן די כלים.

די מציאות איז אז די וועלט ווערט פארגעשריטן מיט יעדן פארבייגייענדער טאג. רוב ביזנעסלייט פארמאגן א קאמפיוטער מיט אינטערנעט-פארבינדונג, און אפילו מען קען פארלאנגען פון דעם ציבור וואס דארף עס בכלל נישט אז מען זאל נישט האבן קיין שום פארבינדונג מיט די אינטערנעט, קען מען עס אבער נישט פארלאנגען פון די ביזנעסלייט און ארבייטער וועלכע די 'אינטערנעט' איז אן אינטעגראלער טייל פון די ביזנעס.

המשך בעמוד ד'

המשך מעמוד ג'

און דא איז געווען דער גרויסער פראבלעם. ווייל איינמאל עס איז נישט פאראן קיין קלאר-באשטימטע גרעניצן וואס יא און וואס נישט, איז דער גאנצער גדר וואקלדיג. ווייל דער זעלבער טעלעפאן קען ביי איינעם זיין אן אויסגעהאלטענעם מיטל פאר זיין פרנסה און פאר'ן צווייטן קען דאס זיין אן איסור גמור און די גרעסטע סכנה פאר אים און פאר זיין פאמיליע.

איז וואס יא? וויאזוי קען מען אראפשטעלן א קלארער און פראקטישער מהלך וויאזוי צו נוצן 'טעכנאלאגיע' אויף א גענצליך אויסגעהאלטענעם אופן?! אט די פראגע עגבערט שוין לאנג פאר יעדן רעכטדענקיגן איד, און הויפטזעכליך פאר די מנהיגי העדה און רבנים ודיינים?!

דערווייל האט מען זיך צוגעקוקט מיט שרעק און ציטער ווי דער פארשריט פון טעכנאלאגיע לויפט ווייטער און ווייטער גאר ווילד. עס שלעפט אראפ אזויפיל אידן און עס מאכט אן שווערע חורבנות.

די פרייליכע נייעס איז: אז מען קען אויפהערן וויינען! פון היינט און ווייטער דארף מען בלויז טוען צו דער זאך און אויספאלגן די קלארע הוראות והדרכות פון די דיינים ורבנים, וואס זיי האבן אוועקגעשטעלט אין די ראמען פון "גדר".

יא! די לעזונג איז בעז"ה דא, און וויינען איז מער נישט קיין אפציע, בלויז א שאקל מיטן בעזעם-שטעקן און מיר זענען באפרייט!

אין די קומענדיגע טעג וועלן מיר ערפולן אונזער אויפגאבע, און טון הלכה למעשה! מיר גייען שוין אריבער צום נייעם "גדר סענטער" און ארויפלייגן די "גדר פילטער".

**רבותי! מיר זענען באפרייט!!**

# דער אומגליק וואָס האט פאסירט

## תש"ע \ תשע"ב \ תשע"ג \ תשע"ד,

# אבער וועט נישט פאַסירן תשע"ה בעז"ה!

המשך מעמוד א'

מ'שיקט זיך קליפס, מ'ווערטלט זיך, און ס'איז פרייליך.

## 8:30 דינסטאג צופרי:

בלויז 24 שעה שפעטער האט ברוך - איינער פון די גרופ- מיטגלידער, אויך א חבר פון די ישיבה - ארויפגעלייגט א "יו-טוב" קליפ פון אן אנדערע שמחה מיטן זעלבן חזן. אבער יאנקל קען עס נישט עפענען. ער האט נישט קיין יו-טוב- עקסעס אויף זיין פאון.

אבער ער טרעפט משה'ן, זיין חבר.

**משה:** האסט הנאה פון דעם הערשקאוויטש'ן, ער איז גוטע נייעס, הא?

**יאנקל:** יא, ער איז גוט, אבער היינט האט ברוך ארויפגעלייגט עפעס, כ'קען עס אבער נישט עפענען, כ'ווייס נישט פארוואס...

**משה:** אה, ס'איז יו-טוב, געב אהער דיין פאון... צוויי מינוטן לויפן פארביי, משה האט אים פארשאפט דעטע פון ווערייזאן און יאנקל איז שוין אויף יו-טוב!

24 שעה, און די איבעריגע איז היסטאריע!

יאנקל שפרייזט דורך פילצאליגע אינטערעסאנטע קליפס אויף יו-טוב... נפלאות הבורא'דיגע, שרעקעדיגע - און ס'איבעריגע לאזן מיר פאר אייך צו טראכטן.

גראדע האט ער היינט אויך געזעהן פונדערווייטנס דער חברותא עסקן פון זיין ביהמ"ד, אבער ער איז שוין נישט צוגעלאפן צו אים, ווייל ער האט שוין נישט זיין נעכטיגע דילעמא וועגן "תורתך שעשועי", "יסודי התורה", אדער "שונה הלכות", ער האט שוין אנדערע דאגות יעצט.

24 שעה - אזא חילוק?!

•••

דער אומגליק האט זיך אויך אפגעשפילט תש"ע, תשע"א, און אויף א ברייטערן פארנעם אין תשע"ב, תשע"ג, און אוודאי יעדן איינציגן טאג תשע"ד! יא! יעדן איינציגן טאג!

לויט די מומחים זאגן פאר גייט אין תשע"ה לכאורה זיך אויך אפשפילן ענליכע געשיכטעס - אבער אביסעלע אנדערש...

## 9:00 מיטוואך אווענט:

**יענקל:** משה; וואס טוט זיך עפעס גוטס?

**משה:** געוואלדיג! זאג יענקל; דו האסט שוין געזעהן דעם קליפ פון די שווארץ-בר-מצוה? וויאזוי חזן הערשקאוויטש לייגט אראפ א "רחם"? הא? ס'אייזן! משוגע צו ווערן...

**יאנקל:** ניין, פון וואו רעדסטו?

**משה:** ביזט נישט אויף אונזער עידזש-גרופ? דער עולם לייגט ארויף זאפטיגע סחורה ממש יעדן טאג.

**יאנקל:** ניין, איך בין נישט אויפן גרופ ווייל כ'האב "גדר מעולה".

**משה:** כ'קען געבן א 'סקען' דיין 'באר-קאוד', און ביזט אויפן גרופ!

**יאנקל:** כ'מיין אז ביי מיין פאון קען מען בכלל נישט. אבער אפילו אויב יא: וויל איך עס נישט האבן, איך וויל נאר האבן צוטריט צו וואס איך דארף פאר מיין פרנסה.

5 מינוט שפעטער איז יאנקל שוין צוריק מיטן חברותא עסקן...

## יענעם נאכמיטאג:

**חיים:** זאג יאסל, האסט באמערקט אז משה האט אויפגעהערט לייגן גוטע סחורה דא אויפן גרופ. וואס גייט פאר?! ער פלעגט האבן געשמאקע זאכן... ער איז געווען דער ערשטער צו פאוסטן די קליפ וואו יאסל וואלקנקראצער "גיסט זיך אן מיט אייז", ווי מ'הרג'ט דעם רעפארטער אין איראק, און ווי פרישוואסער זינגט "הסתרה"... - וואו איז ער נעלם געווארן? ער האט ארויפגעלייגט די נייע "גדר פילטער"...?

**יאסל:** יעפ, "גדר" וואקסט יעדן טאג... מיר וועלן נישט קענען בלייבן צו לאנג אפן...

•••

יא! אידן טייערע! דער לעזונג איז דא ב"ה! מיר וועלן אלע האבן א חלק אין אויפבויען די אויסגעהאלטענע- טעכנאלאגיע-אימפעריע.

## "נישט זאגן 'מיר וועט עס נישט שאטן'"

קיינער זאל נישט טראכטן אז 'מיר וועט עס נישט שאטן', מ'זאגט נאך א ווארט פון צדיקים, אז **דער יצר הרע קען זיך אמאל מאכן ווי א טויטער פארן מענטש**, ער זאל שפירן אז ער איז 'חשוך התאוה', יארן לאנג קען ער אים אזוי לאזן, ער וועט זאגן 'איך שפיר נישט מיר זאל עפעס ציען בכלל', ער מאכט שפירן דעם מענטש כאילו זיין כח התאוה איז שוין טויט ביי אים 'לבי חלל בקרבי', **אלץ כדי איינמאל זאל ער אים אריינכאפן אין זאק אריין...!!!**

**(מדרשת הגה"צ אבד"ק סאטמאר מאנסי שליט"א, שלשת ימי הגבלה תשע"ג)**